**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/21/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעצן פארמערנדיג זיכערהייט און סעקיורעטי ביי הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אין סירעקיוס

***געזעץ (S.8736A/A.9819A) אויטאריזירט סירעקיוס ראיאנישע לופטפעלד אויטאריטעט צו עפענען און אויפהאלטן איר אייגענע פאליציי אגענטור***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטער געשריבן א געזעץ וואס וועט פארבעסערן די סעקיוריטי ביי הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד. דער געזעץ וועט אויטאריזירן די סירעקיוס ראיאנישע לופטפעלד אויטאריטעט (Syracuse Regional Airport Authority) צו עפענען און אויפהאלטן איר אייגענע פאליציי אגענטור אין די לופטפעלד, פארבעסערנדיג די סעקיוריטי אפעראציעס און צושטעלנדיג מער איינהייטליכע זיכערהייט מאסנאמען.

"דורכן האבן איבערגעגעבענע פאליציי אפיצירן ביי הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד וועלן מיר העלפן פארזיכערן אז ניו יארקער און באזיכער צוגלייך זענען זיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער געזעץ וועט גיבן פאר רייזנדע און לופטפעלד ארבייטער מער רואיגקייט ביים פארן אין סירעקיוס."

דערווייל פאטראלירן אפיצירן פון די סירעקיוס פאליציי דעפארטמענט ( Syracuse Police Department, SPD) די הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, ארייננרעכענענדיג TSA טשעקפוינטס, אבער א מאנגל אין SPD איינגעשטעלטע האט עס פארשווערט פאר SPD אפיצירן צו זיין גענוג שטאב מיטגלידער פאר די לופטפעלד. דער געזעץ וועט ערלויבן די סירעקיוס ראיאנישע לופטפעלד אויטאריטעט צו אוועקשטעלן איר אייגענע פאליציי אגענטור און פארמיידן צוקונפטיגע שטאב קאנפליקטן מיט די SPD. די אפיצירן פון די לופטפעלד פאליציי אויטאריטעט וועלן פארערכנט ווערן ניו יארק סטעיט פאליציי אפיצירן מיט די באפולמעכטיגונג צו אינפארסירן געזעצן און פארמיידן געזעץ פארלעצונגען, מיט זייער דזשוריסדיקשען באגרעניצט צו די לופטפעלד שטחים.

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מעניאן האט געזאגט,** "די רעוואלוציע ביי הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד און די בעפארשטייענדע פארבעסערונגען גיבן פאר צענטראל ניו יארק די ערשט-קלאסיגע גרעניץ אריינגאנג וואס קומט זיך פאר אירע איינוואוינער און ביזנעסער. מיט די עפענונג פון איר אייגענע פאליציי אגענטור האט עס יעצט א לאנג-טערמיניגע לייזונג צו קענען פארמערן די פובליק זיכערהייט. איך בין דאנקבאר פאר די לופטפעלד אויטאריטעט פארן אויספירן זייערע ציהלן, פאר אסעמבלי מיטגליד מאגנארעלי פאר זיין שותפות און פאר גאווערנער האקול פארן שנעלערהייט אונטערשרייבן דעם וויכטיגן געזעץ."

**אסעמבלי מיטגליד וויליאם א. מאגנארעלי האט געזאגט,** "זיכערהייט אין אונזערע לופטפעלדער איז די וויכטיגסטע זאך. דורכן עפענען א פול-טיים פאליציי אפיצירן אין מונדירן קענען מיר פארמיידן פראבלעמען מיט סקעדזשולס און שטאב מיטגלידער, האלטנדיג דערמיט אונזערע לופטפעלד זיכער."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418